אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**אַלף, בית • Alef, Beys**
By **Freed Weininger**, translation by Jonah Lubin
*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (April 2021)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/alefbeys]

# אַלף, בית

# Alef, Beys

Freed Weininger
translated by Jonah Lubin

**Introduction:** Freed Weininger (1915–1988) was a painter, poet and political activist. This poem is taken from his 1974 collection *In groysn droysn*, which was composed in America and published in Israel and explored themes ranging from resistance to the Vietnam War to psychedelic explorations of the cosmos.

# Alefbeys

**Alef**

with astronaut
begins the new alphabet
in the text of time,
and not like as it was
with *‘elohim*.
The universe is old.
I hear the letters,
the alterity
the voice
of eternity.
it’s freezing cold,
and my fingers,
frost-bitten,
freeze,
while I hold
on to the tail
of the rocket
in the unending distance.

**Beys**

I blunder
around
in the billions
bemattered.
No sign of
“in the beginning”.
The invisible blue hills
become blurred with fear
and bit by bit
with my consciousness.

**Giml**

How lonely,
God,
you float around
You can no longer
recognize the galaxies.
Give me your hand.
We are both vagabonds
in the garden
of groundless
grounds.

**Dalet**

in desolate emptiness
there's
no here
no there.
A poet
finds no place at all
in the anywhere.
I still seek
a somewhere
and wander around
in the unendingly big
out-there…
and all that I feel inside,
disperses now thinly,
becomes thin-side.

**hey**

once I used to
notice the high heavens
and dream:
how good it would be
to hold guard
over the heights
with a song of hallelujah.
Now I chase after
the light of twilight…
just another of
those also-mights.

**Vov**

On the distant wanderway
where will you want to wind up?
In the widest expanse,
on every invisible tree,
in the emptiness
winter away
whitened stars
like old maids
who wait
and wither.
Will you be able to tear their
woe from the tree,
and plant it somewhere in the meadows
Lovingly…
So that they bloom
in wonder?
Will you?

**Zayen**

A storm
in the zodiac,
even in the zone of the heavens
those seven,
where I chose
the stars,
found
the suns,
and still with a song.
Now they sin there
on the side streets,
like soldiers and whores
those same stars,
those same suns.
A red lantern
hangs above the cosmic gates.
The milky-way's milk
turns sour.

**Khes**

I become friendly with dreams

with darkness.
From my senses
suddenly grows
a tree of marvels.
I see the stars,
recognize their order.
I see planets,
that used to run
like children to *kheder*
to learn *khumesh*.
It's become emptier.
The space of distance
and every meadow
on my journey
will fade
into darkness…
Because I can't find
the Rebbe.

**Tes**

Angels at the gate
with trumpets and cymbals
they toll
and blast
and their welcoming is for me
the first yiddish poet
in the great distance
who on a whim decided to be
a cosmic tourist.
Suddenly at the gate,
in a blue moon
an ancient author
appears.
He reaches me
his hand,
and in his eyes
flares the fire
of suns…
happy
that I have found the way
here.
I take his hand,
and hold it long in mine.
But it seems that

even the old author
is eager to hear,
what I think now
about the layout of the stars.
If the eternal hand
has talent.

**Yud**

It's just so easy
to fall into despair.
The emptiness
in the distance of space,
is a sea
without a jetty.
So why are they rushing,
the astronauts,
the cosmonauts,
in in an idle race,
since regardless
none of the giants
will ever make it
to the bottom
of the creator's
cosmic caprices.
So what am I doing here
in the distance?
Driven by the anxiety-jet
the truly Jewish rocket?!
Do I have a choice?
In my years
I am just
juvenile,
jejune,
a joker to some…
a Jew
who does not grow tired,
because in the age of astronauts,
I fly away
on the wing of song.

**kaf**

alone, up high.
I race further and further
driven by some sort of charm,
a strength.
Sometimes it churns
like a galaxy-star-chasm
my head.
But I don't look down.
I am tired of wars.
Of north –
of south Vietnam…
call me a Cham
if you want,
I don't want to get mixed up
in Laos.
I have already bought
in the cosmic storm clouds
a cottage in chaos.
I keep watch over stars.
They look up close
like chimeras.
I know
that here in the vast distance,
in chaos
a Yiddish,
peaceable,
poet
will live through challenging times.
But who cares?
Regardless, here I can
write in peace
my lunar-cat chronicals.

**Lamed**

Onto the distant lawn,
into the sphere labyrinth,
I let myself go further
and further.
I lunge and leap,
and don't even ask
the luminescent lunar-cat,
if there is

such a thing
as poetic logic.
Here in the lawn of lights
where day is night
and night lasts days…
And where the previous landscape
has been transformed
into a strange star valley…
of lapis-lazuli blue,
it's so good to be here.
The poem
yearns now for light
and love,
for that distant, distant lawn.

**Mem**

mom, shining in heaven.
Myriads of stars
now separate us.
For you I am probably
still
a wandering, confused child.
Forgive me
that I never became
a pious Jew…
That I went away
with flying meteors.
Because instead of
going to *kheyder*,
to the red, deaf *melamed*,
already then I was,
just my luck,
dreaming of Marusja –
my blonde muse
from a faraway brothel.

Mother mine,
the milky way here in space,
now unveils for me
a field
with snow-white gravestones.
You lie there somewhere
and you sleep,
and dream

that I
will not
be lost.

**Nun**

Here are stars:
eternal nomads…
they find no peace
and dream,
and fall
upon invisible barricades/
I halt
at the nadir,
and throw a net –
my *neshome*,
as a fisherboy on a strand
throws his net.
I take
the falling stars
and take them with
on my wanderings.
In space,
of eternal,
of purple twilight.

**Samekh**

Is it a bad dream?
Ha-lu-ci-na-tion?
That I'm thinking
about leaving
the stratosphere?
Cold surrounds me here…
My disquiet is
a well without a bottom
and I
am against the status-quo.
In the cosmic system:
days and nights six.
Not even
a sign of sex.
Here I must turn
in a spiral
with our satellites…

And I'm in the middle.
It's a scandal.
On the seventh day:
a *siddur*,
a Torah scroll…
and go
sing and praise
the Creator.
For me
it's not such a nightmare.
It's good for the Hasidim
from Satu Mare.
A bad dream
stops at some point too.
I wake up,
and venus
winks up at me.

**Ayen**

I am the first here
in the vast somewhere.
In cosmically vast space
I don't grow older.
The day is unending,
and I am still far
from an epilogue.
But something in me
could absolutely not
free itself
from that earth –
the first land,
and from earthy-cold
fear:
that the end is coming.
Here
in the infinity
of space
I remember
the agreement:
that dust
must again become dust
Should that be my answer –
my epitaph:
here lies someone

in the vast somewhere.
He loved
the old apple tree
which writhed in pain
until it was barely recognizable,
that stubborn one
who eked out a path
with weak hands
up straight walls –
and also the earth
which does not fear
an eclipse…
that that will be
its end
in the far-away

**pey**

Pegasus,
are you ready,
to show us
the extraordinary
and cosmic panoramas?
I want to be free
from my earthly-raw wounds
disquietly I tear
the bandages off.
I am tired
of dirty tricks,
of politics.
Come
let's ask God,
if he wants to be
a real pilot…
If he wants to fly
in our ranks,
and put an end
to the parties.
Pegasus
from the high mountain –
the helicon,
have you gone
and between the constellations
become a symbol

for the poet –
a flag
I come to you,
Pegasus,
in protest.
My earth is petering out.
She's pregnant with death
and pestilence.
Nevertheless show me
the cosmic panoramas.
A nightmare
joined with the spirit
and the images have
remained impure.

**Fey**

Father
show me the way
to the folk!
Why confuse my paths
in the great
out-there?
For whom do I put on
a cosmic shirt?
So that my flying-horse
will feel strange?
Do I seek the
Nirvana-fruits
on invisible trees,
in these heavenly gorges?
But I just reach
out to heaven
my hands…
so that the horizon,
the firmament,
should be free.
And then
the song will
once again
be revealed
in quiet
and peace.

**Tsaddik**

Disquiet tugs and tugs
me further on.
I hover around
in the twilight
of dispersed
separated heights.
A galaxy
spins around…
A star is lit,
a second sputters out,
a third stays frozen,
a sign for others,
a fourth shivers,
and splits somewhere
and will
never reach
its goal in the far-away.
Here in the twilight
of time and space,
nothing can tame me.
No fence,
no tongs.
No bridle.
I become a part,
a branch
of the invisible tree,
that has just bloomed,
glowed,
erupted.
Like birds
the stars
flew off into
the starredness.
And somewhere
it begins to howl,
the light,
the tidy lunar-cat.
My disquiet shivers
in her eyes.

**Kuf**

Quite early on
in the blooming of dawn

when senses arise
quickened
and clear
I hitched up the flying-horse's harness
and set off on
on cosmic journeys.
But listen,
I barely recognize
the heavens
Signs hang
on star-walls
in space.
Just like in the states,
one can here in
the far-away find
deals:
on chewing gum
and bottles of Comet-Cola.
Come flying-horse,
and let us seek further.
It seems
my hangover is on my tail
I am tired
of floating around
always only in possibility
passing into if.
I barely recognize the heavens.
Comet-Cola has
also infiltrated
here
in cold space.

**Reysh**

My every sense
is in revolt.
The wheel's
spun around,
an in the tumult
and chitchat
I turned with it,
not always
as I intended.
But I turn around,
and barely move

from my place –
Because as soon as I open
a narrow door
to distant space –
and my gaze absorbs
breadth and quiet,
something rips me away,
and it turns,
that wheel,
and turns
me back to the beginning.
All that's in me
is in revolt.
I have paid enough
for surrounding cruelty
with tears,
and blood.
Oh, God,
how do I seek you now?
Be my friend,
my *rebbe*.
But curl the scroll
of earthly murder.
Just for a moment
let me
in the great out-there
feel quiet.

**Shin**

I stop for
a while
and somewhere
also
an astronaut stands still,
and must
go further by foot.
It's *shabbesdik*,
quiet around.
It seems to me
I'm in the Mea Shearim
of the great out-there.
The stars wear *shtraymlekh*
and go to their *shul*.
They're silent with me

and single me out.
How strange
I feel here:
"how uncanny."
Moons wear *shaytls*,
bound
with starry *tikhls*…
and everyone speaks in hushed tones.
They point –
and since I go around
with a bare head,
no-one winks from above
at me down below.

it's quiet and dark
in the surroundings.
Nothing moves.
The shames of the far-away
suddenly calls to me
"turn on
the universe's
chandelier."
But I run away
even further into the far-away,
on the wing of
my jet of disquiet,
and it's very good for me…
I don't want to be
a shabbes-goy.

**Tof**

The new alef-beys
begins with astronaut,
and with "trench"
ends the poem
of the great out-there.
The cosmic journey
has halted
at "tav."
In essence
he who sets off on a journey
must also be ready for the end.
So what am I getting at?
What have I searched for

there in the trench
of the great out-there?
I escaped
like from a cramped prison
and could not
observe how the earth
passed away
doubled over
in death throes.

I am off
on my star-studded journey
to save myself
from the hangman's tree.

But he who runs,
runs only from himself...
and will, like a falling star,
pass into the trench.

That's what I'm getting at:
I have searched
in the great out-there
the unknown
of stellar joys.
But on the earth
I have only now
found for my being
a *tikn*.

# אַלף, בית,...

### אלף

מיט אַסטראָנאָט
הייבט אָן דער נײַער אלפֿ־בית
אין ספֿר צײַט,
און ניט ווי אַמאָל
מיט אלוהים.
דער אוניווערס איז אַלט.
איך הער די אותיות,
די אַנדערשקייט,
די שטים
פֿון אייביקייט.
ס׳איז פֿראָסטיק קאַלט,
און מײַנע פֿינגער
מיט זאַפּערעס,
פֿאַרגליווערן,
בעת איך האַלט
זיך אָן אין עק
פֿון דעם ראַקעט
אין דעם אומענדלעכן העט־העט.

### בית

איך בלאָנדזשע
אַרום
אין דער ביליאָנעגהאַפֿטיקייט
פֿון דער באַשאַפֿונג.
קיין סימן פֿון
בראשית.
די אומזיכטבאַרע בלויע בערג
באַהעפֿטן זיך מיט שרעק
און ביסלעכווײַז
מיט מײַן באַוווּסטזײַן.

**גימל**

ווי איינזאַם שוועבסטו
גאָט
אַרום.
דו קענסט די גאַלאַקסיעס
ניט מער דערקענען.
גיט מיר דײַן האַנט.
מיר זײַנען ביידע נע־ונד
אין גאָרטן
פֿון גרונטלאָזע
גרונטן.

**דלת**

אין פּוסטער ליידיקייט
איז ניט פֿאַראַן
קיין דאָ,
צי דאָרט.
אַ דיכטער
געפֿילט בכלל פֿאַר זיך קיין אָרט
אין ד׳ערגעץ.
און איך זוך אַלץ
אַן ערגעץ,
און שוועב אַרום
אין דעם אומענדלעך גרויסן
דרויסן...
און אַלץ וואָס איך
פֿיל אינעווייניק,
פֿאַרגייט איצט דין,
ווערט דין־עווייניק.

**הא**

אַמאָל פֿלעג איך
דערזען דעם העלן הימל,
און חלומען:
ווי גוט וועט זײַן
צי היטן

די הויכקייטן
מיט אַ געזאַנג פֿון הללויה.
איצט יאָג איך זיך
נאָך יענעם ליכט פֿון שקיעה...
בלויז איינער פֿון
די אויך־קייטן.

**ואָו**

אין ווײַטן וואַנדערוועג,
ווּהין ווילסטו דערגיין?
אין ווײַטסטער ווײַטקייט,
אויף יעדן אומזיכטבאַרן בוים
אין פּוסטקייט,
פֿאַרווינטערן
פֿאַרבלייכטע שטערן —
ווי אַלטע מוידן
וואָס וואַרטן
און וויאַנען.
ווסטו דען קענען זייער ווײ
אַראָפּרײַסן פֿון בוים,
און ערגעץ אין די לאַנען
אײַנפֿלאַנצען
מיט ליבשאַפֿט...
זיי זאָלן זיך צעבליִען
אין ווּנדער?
צי ווסטו?

**ז׳יין**

אַ זאַווערוכע
אין זאָדיאַק,
אַפֿילו אין רוים פֿון די הימלען
די זיבן,
ווּ איך האָב די שטערן
געקליבן,
געפֿונען
די זונען,
און נאָך מיט אַ זמר.

איצט זינדיקן דאָ
אין זײַטיקע געסלעך,
ווי זעלנער מיט זונות
די זעלביקע שטערן,
די זעלביקע זונען.
אַ רויטער לאַמטערן
הענגט איבערן קאָסמישן טויער.
די מילך אין דער מילך־גאַס
ווערט זויער.

**חית**

איך חבר זיך מיט חלום,
מיט חושך.
פֿון מײַנע חושים
וואַקסט פּלוצעם אויס
אַ חידוש־בוים.
איך זע די שטערן,
דערקען דעם סדר.
איך זע פּלאַנעטן,
וואָס פֿלעגן לויפֿן
ווי קינדער אין חדר
חומש זיך לערנען.
ס׳איז פּוסטער געוואָרן.
דער רוים פֿון העט־העטן
און יעדער לאַן
אויף מײַן נסיעה,
ווערט אין דער פֿינצטערנש
צערינען...
ווײַל כ׳קען דעם רבין ניט
געפֿינען.

**טית**

מלאכים בײַם טויער,
מיט טאַצן, טרומייטערס.
זיי טרובעווען
און טאַראַראַמעווען,
מקבל־פּנים זײַנען זיי דאָס מיך,

דעם ערשטן ייִדישן פּאָעט
אין דעם העט־העט,
וואָס האָט פֿאַרגלוסט זיך, זײַן
אַ קאָסמישער טוריסט...
און פֿליִען אומזיסט.
מיט אַ מאָל בײַם טויער,
אין אַ רגע
אַ בלויער,
באַווײַזט זיך אַן אַלטער,
גאָר אַלטער מחבר.
ער שטרעקט מיר אויס
זײַן האַנט,
און אין די אויגן
צעפֿלאַקערט אַ פֿײַער זיך
פֿון זונען...
צופֿרידן
וואָס כ׳האָב דעם וועג אַהער
געפֿונען.
איך נעם די האַנט,
און האַלט זי לאַנג אין מײַנער.
נאָר ס׳דוכט זיך אַז
אַפֿילו דער אַלטער מחבר
איז זשעדנע צו הערן,
וואָס איך טראַכט אַצינד
וועגן אויסלייג פֿון שטערן;
צי די אייביקע האַנט,
האָט טאַלאַנט.

**יוד**

ווי לײַכט מען פֿאַלט
אַרײַן אין יאוש.
די ליידיקייט
אין דעם העט־העט פֿון רוים,
איז ווי אַ ים
אָן אַ יבשה.
איז וואָס־זשע אײַלן זיך
די אַסטראָנאָטן,
די קאָסמאָנאָטן,

אין פּוסטער יאָגערײַ,
אַז סײַ ווי סײַ
וועט קיינער פֿון די ריזן,
וועט קיינער קיין מאָל ניט דערגיין
צו דער יסוד
פֿון דעם באַשעפֿערס
קאָסמישע קאַפּריזן.
איז וואָס טו איך אַדאָ
אין דעם העט־העט?
געטריבן פֿונעם אומרו־"דזשעט",
דעם אמת ייִדישן ראַקעט?!
אַ ברירה האָב איך?
אין מײַנע יאָרן
בין איך נאָך אַלץ
אַ ילד,
אַ יאַט,
פֿאַר אייניקע אַ יאָלד...
אַ ייִד
וואָס ווערט ניטמיד,
ווײַל אין דער צײַט פֿון אַסטראָנאָטן,
פֿלי איך אַוועק
אויף פֿליגל פֿון ליד.

**כף**

אַליין אין דער הויך.
איך יאָג זיך אַלץ ווײַטער,
געטריבן פֿון עפּעס אַ כּישוף.
אַ כּוח.
עס דרייט זיך צו מאָל
ווי אַ גאַלקציע־שטערן־געווירבל
מײַן קאָפּ.
נאָר כ׳קוק ניט אַראָפּ.
כ׳בין מיד פֿון מלחמות...
פֿון צפֿון —
פֿון דרום וויעטנאַם...
און זאָל מען מיך רופֿן,
אַ כאַם,
ווײַל כ׳וויל זיך ניט מישן

אין לאַאָס.
איך האָב זיך געקויפֿט שוין
אין קאָסמישע כמאַרעס
אַ כאַטע אין כאַאָס.
איך היט מײַנע שטערן.
זיי זעען אויס פֿון נאָענט
אַזוי ווי כימערעס.
איך ווייס
אַז אַדאָ אינעם ווײַטן העט־העט,
אין כאַאָס,
וועט אַ פּאָעט
אַ ייִדישער,
פֿרידישער,
ניט לעקן קיין האָניק.
אָבער וועמען־זשע אַרט עס.
אַבי איך וועל קענען
דאָ שרײַבן אין רו
מײַן לבנה־קאַץ כראָניק.

**למד**

אין ווײַטן לאַן,
אין ספֿערן־לאַבירינט,
לאָז איך זיך ווײַטער,
אַלץ ווײַטער.
איך לויף און לויף,
און פֿרעג אַפֿילו ניט
די ליכטיקע לבנה־קאַץ,
צי ס׳איז פֿאַראַן
אַזאַ מין זאַך —
ווי דיכטערישע לאָגיק.
אַדאָ אין ליכטער־לאַן,
וווּ טאָג איז נאַכט,
און נאַכט איז טאָגיק...
און וווּ די לאַנדשאַפֿט פֿון אַמאָל
האָט זיך פֿאַרוואַנדלט דאָ
אין אַן אויסטערלישן שטערן־טאָל...
פֿון לאַפּיס־און־לאַזולי־בלוי,
איז מיר דאָ גוט אַזוי.

דאָס ליד
בענקט איצט נאָך ליכט
און ליבשאַפֿט,
פֿאַר יענעם ווײַטן, ווײַטן לאַן.

**מם**

מאַמע, ליכטיקע אין הימל.
מיריאַדן שטערן
צעטיילן אונדז אַצינד.
פֿאַר דיר בין איך מסתּם
נאָך אַלץ
אַ בלאָנדזשענדיק, צעטומלט קינד.
זײַ מוחל מיר,
וואָס איך בין ניט
אַ פֿרומער ייִד געוואָרן...
וואָס כ׳בין אַוועק
מיט פֿליִענדיקע מעטעאָרן.
ווײַל אויפֿן אָרט
פֿון גיין אין חדר,
צום רויטן, טויבלעכן מלמד,
האָב איך שוין דעמאָלט,
סאַראַ מזל,
געחלומט פֿון מאַרוסיאַן —
מײַן בלאָנדע מוזע
פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן הײַזל.
מאַמע מײַנע,
די מילכגאַס דאָ אין רוים,
אַנטפּלעקט פֿאַר מיר אַצינד
אַ פֿעלד
מיט שנייוויײַס מצבה־שטערן.
ערגעץ־ווו ליגסטו
און שלאָפֿסט,
און חלומסט
אַז איך
זאָל ניט
פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן.

**נון**

פֿאַראַן דאָ שטערן,
וואָס זײַנען אייביקע נאָמאַדן...
געפֿינען ניט קיין רו
און חלומען,
און פֿאַלן,
אויף אומזיכטבאַרע באַריקאַדן.
איך שטעל זיך אָפּ
אין נאַדיר,
און וואַרף אַ נעץ —
מײַן נשמה,
ווי ס׳וואַרפֿט בײַם ים
אַ פֿישעריונג זײַן נעץ.
איך כאַפּ
די פֿאַלנדיקע שטערן,
און נעם זיי מיט
אויף מײַן נסיעה —
אין רוים,
פֿון אייביקער,
פֿון פּורפּורנדיקער שקיעה.

**סמך**

איז עס אַ בייזער חלום?
האַ – לו – צי – נאַ – ציע?
וואָס כ׳קלער
אַז כ׳וויל אַוועק
פֿון סטראַטאָספֿער?
אַ קאַלטע סביבה דאָ...
מײַן אומרו איז
אַ ברונעם אָן אַ דנאָ,
און איך
בין קעגן סטאַטוס־קוואָ.
אין קאָסמישן סיסטעם:
מעת־לעתן זעקס...
ניטאָ אַפֿילו
קיין סימן פֿון סעקס.
דאָ מוז איך דרייען זיך

אין אַ ספּיראַל
מיט אַנדערע סאַטעליטן...
און איך אין מיטן.
ס׳איז אַ סקאַנדאַל.

אין טאָג דעם זיבעטן:
אַ סידור,
אַ ספֿר־תּורה...
און גיי
באַזינג און לויב
דעם בורא.
ס׳איז ניט פֿאַר מיר
אַזאַ קאָשמאַר.
ס׳איז גוט פֿאַר די חסידים
פֿון סאַטמאַר.
אַ בייזער חלום
האָט אָבער אויך אַ סוף.
איך כאַפּ זיך אויף,
און ווענוס ווינקט
צו מיר אַרויף.

**ע׳ין**
איך בין דער ערשטער דאָ
אין ווײַטן ערגעץ.
אין קאָסמיש־ווײַטן רוים
ווער איך ניט עלטער.
אומענדעלך איז דער טאָג,
און כ׳בין נאָך ווײַט
פֿון עפּילאָג.
נאָר עפּעס האָט אין מיר
לחלוטין ניט געקאָנט
באַפֿרײַען זיך
פֿון יענער ערד —
דעם ערשטן לאַנד,
און פֿון דער ערדיש־קאַלטער
מורא:
אַז ס׳קומט אַ מאָל דער סוף.
אַדאָ
אין דער אומענדלעכקייט

פֿון רוים
און בורא,
דערמאָן איך זיך
אין תּקיעת־כּף:
אַז שטויב
מוז ווערן וידער שטויב.
זאָל דאָס מײַן ענטפֿער זײַן —
מײַן עפּיטאַף:
אַדאָ ליגט עמעץ,
אין ווײַטן ערגעץ.
ער האָט געליבט
דעם אַלטן עפּלבוים,
וואָס קאָרטשעט זיך צונויף
ביז מען דערקענט אים קוים,
דעם עקשן
וואָס דראַפּעט זיך
מיט שוואַכע הענט
אויף גלײַכע ווענט —
און אויך די ערד
וואָס פֿאָרכט זיך ניט
פֿאַר אַן עקליפּס...
אַז דאָס וועט זײַן
איר סוף
אין דעם העט־העט.

**פּא**

פּעגאַסאָס,
צי ביסטו גרייט,
מיר ווײַזן
די אויסטערלישע
און קאָסמישע פּײַזאַזשן?
איך וויל באַפֿרײַען זיך
פֿון מײַנע ערדיש־רויע ווונדן,
רײַס איך פֿון זיך
מיט אומרו די באַנדאַזשן.
כ׳בין מיד
פֿון פֿוילע שטיק,
פֿון פּאָליטיק.

קום
לאָמיר פֿרעגן גאָט,
צי וויל ער זײַן
אַן אמתער פּילאָט...
צי וויל ער פֿליִען
אין אודנזערע רייען,
און מאַכן שוין אַ סוף
צו די פּאַרטייען.
פּעגאַסאָס,
פֿון הויכן באַרג —
דעם העליקאָן,
ביסטו אַוועק,
און צווישן קאָנסטעלאַציעס
ביסטו פֿאַרן פּאָעט
געוואָרן אַ סימבאָל —
אַ פֿאָן.
איך קום צו דיר
פּעגאַסאָס,
מיט פּראָטעסט.
מײַן ערד צאַנקט אויס.
זי שוואַנגערט טויט
און פּעסט.
טו ווײַז מיר כאָטש
די קאָסמישע פּײַזאַזשן.
ס׳האָט אַ קאָשמאַר
באַהעפֿט זיך מיטן גײַסט,
און אומריין זײַנען
געבליבן די אימאַזשן.

**פּא**

פֿאָטער,
ווײַז מיר דעם וועג
צום פֿאָלק!
פֿאַרוואָס פֿאַרפּלאָנטערן
זיך מײַנע וועגן
אין גרויסן
דרויסן?
פֿאַרוואָס טו איך זיך אָן

אַ קאָסמיש העמד?
כּדי מײַן פֿליפֿערד זאָל
זיך פֿילן פֿרעמד?
צי זוך איך דען
נירוואַנאַ־פֿרוכטן
אויף אומזיכטבאַרע ביימער,
אין יענע הימל־שלוכטן?
איך שטרעק דאָך בלויז
צום הימל אויס
די הענט...
דער האָריזאָנט,
דער פֿירמאַמענט
זאָל ווערן פֿרײַ.
און דעמאָלט וועט
דאָס ליד
פֿון ס׳נײַ
אַנטפּלעקן זיך
אין רו
און פֿריד.

**צדיק**

די אומרו ציט און ציט
אַלץ ווײַטער מיך.
איך שוועב אַרום
אין צווישנליכט
פֿון די צעשפּרייטע,
צעשיידטע הייכן.
אַ גאַלאַקסיע
צעווירבלט זיך...
אַ שטערן צינדט זיך אָן,
אַ צווייטער צאַנקט,
אַ דריטער בלײַבט פֿאַרגליווערט,
פֿאַר אַנדערע אַ צייכן,
אַ פֿערטער ציטערט אויף,
צעשפּאַלט זיך ווּ,
און וועט זײַן ציל
אין דעם העט־העט
קיין מאָל דערגרייכן.

אַדאָ אין צווישנליכט
פֿון צײַט און רוים,
צאַמט גאָרניט מיך.
קיין צאַם,
קיין צוואַנג.
קיין צוים.
איך ווער אַ טייל,
אַ צווײַג
פֿון אומזיכטבאַרן בוים,
וואָס האָט זיך ערשט צעבליט,
צעגליט,
צעצוויט.
ווי פֿייגל זײַנען זיך
די שטערן
אין דער צעשטערנטקייט
צעפֿלויגן.
און ערגעץ־וווּ
צעמיאַווקעט זיך
די ליכטיקע,
די ציכטיקע לבנה־קאַץ.
מײַן אומרו ציטערט אויף
אין אירע אויגן.

**קוף**

גאַנץ פֿרי,
אין אויפֿבלי פֿון קאַיאָר,
ווען חושים שטייען אויף
דערפֿרישט
און קלאָר,
האָב איך די פֿליפֿערד אײַנגעשפּאַנט,
און זיך אַרויסגעלאָזט
אויף קאָסמישע נסיעות.
נאָר הערט,
די הימלען
דערקען איך קוים.
פּלאַקאַטן הענגען
אויף שטערן־ווענט
אין רוים.

ווי אין די שטאַטן,
באַקומט מען שוין אויך דאָ
אין דעם העט־העט
מציאות:
צו קײַען גומי,
און פֿלעשלעך "קאָמעט־קאָלאַ".
קום פֿליפֿערד, און לאָמיר ווײַטער זוכן.
ווײַזט אויס
סע יאָגט מיר נאָך
מײַן קאַצן־ייאָמער
כ׳בין מיד
אַרום־צו־שוועבן
כּסדר נאָר אין אפֿשר,
פֿאַרגיין אין טאָמער.
כ׳דערקען די הימלען קוים.
ס׳האָט "קאָמעט־קאָלאַ"
אַרײַנגעכאַפּט זיך אויך
אַדאָ
אין קאַלטן רוים.

**ריש**

אַ יעדער חוש אין מיר
איז אין רעוואָלט.
דאָס ראָד
האָט זיך געדרײַט,
און אינעם רעש
און רעדערדריי
האָב איך זיך מיטגעדרייט,
ניט תּמיד
ווי כ׳האָב געוואָלט.
נאָך דריי איך זיך אַרום,
און כ׳ריר
פֿון אָרט זיך קוים —
ווײַל וי נאָר כ׳עפֿן אויף
צום ווײַטן רוים
אַ שמאָלע טיר —
און ס׳זאַפּט זיך אָן
מיט רחבות און מיט רו

מײַן בליק,
רײַסט עפּעס מיך אַוועק,
און ס׳דרייט
דאָס ראָד
און דרייט
צום אָנהויב מיך צוריק.
ס׳איז אַלץ אין מיר
אַצינדער אין רעוואָלט.
איך האָב געגנוג פֿאַר רשעות פֿון אַרום
מיט טרערן,
מיט בלוט באַצאָלט.
אָ, גאָט, ווי זוך איך דיך אַצינד!
זײַ דו מײַן חבר,
מײַן רבי.
נאָר מאַך דעם ספֿר
פֿון ערדישער רציחה צו.
אַ רגע בלויז
לאָז מיך
אין גרויסן דרויסן,
געפֿינען רו.

**שין**

איך שטעל זיך אָפּ
אַ ווײַל,
און ערגעץ־ווו
בלײַבט אויך
דער אַסטראָנאָט איצט שטיין,
און מוז
צו פֿוסנס ווײַטער גיין.
ס׳איז שבתדיק
און שטיל אַרום.
עס דוכט זיך מיר
איך בין אין מאה שערים
פֿון גרויסן דרויסן.
די שטערן טראָגן שטרײַמלעך,
און גייען שוין אין שול.
מען שווײַגט מיך אָן,
מען שטאַרצט מיך אָן.

ווי מאָדנע פֿיל
איך זיך אַדאָ:
"אַזוי אומהיימלעך".
לבנות טראָגן שײַטלען,
פֿאַרבונדענע
מיט שטערן־טיכלעך...
און אַלע שושקען זיך.
זיי טײַטלען —
און ווײַל איך גיי אַרום
אין הוילן קאָפּ,
ווינקט קיינע פֿון דער הויך
צו מיר אַראָפּ.
ס׳איז שטיל און טונקל
אין דעם אַרום.
ס׳טוט גאָרניט זיך אַ ריר.
דער שמש פֿון העט־העט
רופֿט פּלוצעם מיך:
"צינד אָן פֿאַר מיר
אין אוניווערס
דעם שענדעליר".
נאָר איך אַנטלויף
אַלץ ווײַטער אין העט־העט,
אויף פֿליגל פֿון
מײַן אומרו־"דזשעט",
און ס׳איז מיר גוט אַזוי...
איך וויל ניט זײַן
קיין שבת־גוי.

**תו**

מיט אַסטראָנאָט
הייבט אָן דער נײַער אלף־בית,
און מיט תהום
פֿאַרענדיקט זיך דאָס ליד
פֿון גרויסן דרויסן.
די קאָסמישע נסיעה
האָט אָפּגעשטעלט
זיך בײַ דער "ת".
אין תוך

מוז דער וואָס לאָזט
אויף וועגן זיך,
אויך גרייט זײַן פֿאַרן סוף.
איז וואָס־זשע בין איך אויסן?
וואָס האָב איך דאָרט געזוכט
אין דעם תהום
פֿון גרויסן דרויסן?
איך בין אַוועק
ווי פֿון אַן ענגער תּפֿיסה,
און ניט געקאָנט
זיך צוזען ווי די ערד
פֿאַרגייט
אַן אײַנגעקאָרטשעטע,
אין גסיסה.
איך בין אַוועק
אויף מײַן צעשטערנטער נסיעה,
זיך ראַטעווען
פֿון תליון׳ס תליה.
נאָר ווער עס לויפֿט,
אַנטלויפֿט פֿון זיך אַליין...
וועט ווי אַ פֿאַלנדיקער שטערן
אין דעם תהום פֿאַרגיין.
דאָס בין איך אויסן:
געזוכט האָב איך
אין גרויסן דרויסן
דאָס אומבאַקאַנטע
פֿון שטערן־גליקל...
נאָר אויף דער ערד
האָב איך ערשט איצט
געפֿונען פֿאַר מײַן זײַן
אַ תּיקון.